# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וירא, ט"ו חשון, שנת תשפ"ה לפ"ק

שנה 14, גליון 7 (675)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................4:19

מוצאי שב"ק....................5:49

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................קהלת ז'-ח'

בבלי............בבא בתרא קמ"ד

ירושלמי....................סוכה כ"ג

תוספתא.......................זבים ג'

רמב"ם...............מחוסרי כפרה ג'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח, לוֹט'ס וַוייבּ הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט פוּן הוּנְטֶער זִיךְ, אוּן זִי אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), דִי וֶועלְט קוּקְט אָן "שִׁכְחָה", דִי זַאךְ פוּן "פַארְגֶעסְן", אַלְס אַ חִסָּרוֹן, אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אָבֶער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶס גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען נִישְׁט פַארְגֶעסְן, וָואלְט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ וָואלְט אִים אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעדֶענְקְט דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן קֶענֶען זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת. אָבֶער יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז מֶען פַארְגֶעסְט, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ; וְוי נָאר אַ זַאךְ אִיז פַארִיבֶּער, קֶען מֶען גְלַייךְ פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, אוּן אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אַזוֹי וְוי דֶער דוּרְכְפַאל הָאט קֵיינְמָאל פַּאסִירְט, מֶען דַארְף מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵז, וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו, אוֹיבּ קוּקְט מֶען אוֹיף צוּרִיק, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ כְּסֵדֶר דִי אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוּרְכְפֶעלֶער, וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח, דַאן וֶוערְט מֶען אַ שְׁטִיק זַאלְץ, עֶס וֶוערְט אַ זַאלְצִיגֶע וֶועלְט, אַ בִּיטֶערֶע וֶועלְט, אוּן דָאס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, נִישְׁט בְּרוּחְנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְפְרִישְׁן, "אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אִיךְ בִּין אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, בִּכְלָל נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער פוּן פְרִיעֶר, דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ". מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט וָואס אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּל, מִיר ווייסְן טַאקֶע נִישְׁט וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, אָבֶער מִיר קֶענֶען דָאס נוּצְן אַלְס אַן עֵצָה זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ שְׁטַארְבְּן אוּן נָאכְאַמָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן, אִיךְ קֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן לֶעבְּן, אָבֶער אִין מֵיין קָאפּ בִּין אִיךְ יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נֵייעֶם גִלְגוּל, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מַיין פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶענְצְלִיךְ אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם נֵייעֶם גִלְגוּל וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס הַצְלָחָה, אוּן מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן נָאךְ אַ פְרִישֶׁע גִלְגוּל.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה י:) "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְהִי - אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען", אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן פוּן צַעַר, דָאס אִיז מְרַמֵז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נָאר צַעַר פוּן דֶעם, עֶר עֶסְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶס הַאלְט אִים אָפּ פוּן מַאכְן פָּארְשְׁרִיט וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, אָבֶער וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְהָיָה - אוּן עֶס וֶועט זַיין", זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מ"ג, ג') אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה; וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן וָואס וֶועט זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט סֵיי וָואס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין כַּעַס, אָדֶער סֵיי וָואסְפַארַא דוּרְכְפַאל עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט, אוּן עֶס הוֹיבְּט אִים אָן עֶגְבֶּערְן זַיין מֹחַ, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וְוי עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, זָאל עֶר זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְהוֹיבְּן, תְּשׁוּבָה טוּן, פַארְגֶעסְן, אוּן אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן; מֶען זָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאנַארִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטָארְט טוּן, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן? זַיי מִיר מוֹחֵל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ זַיין נָאר גוּט אוּן וואוֹיל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט פוּן פְרִישׁ, אוּן הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין מַיין נֵייעֶ לֶעבְּן".

אַז מִיר וֶועלְן נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, וֶועלְן מִיר וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנ"ח), "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וְוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּרָא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָׁר צוּ אַ צַדִיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וְוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וְוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִיק וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וְוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין טַייעֶרֶער חַבֶר, דִי לֶעבְּן אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט נִסְיוֹנוֹת, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן צָרוֹת, וַוארְט נִישְׁט אַז אֵיינֶער זָאל דִיךְ קוּמֶען מְחַזֵק זַיין אָדֶער זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף דִיר וְכוּ' וְכוּ', וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר - וֶועט דִיר זַיין נָאךְ מֶער בִּיטֶער, דוּ דַארְפְסְט זוּכְן אִין דַיין צָרָה עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן, זוּךְ אוֹיף הָרְחָבָה אִין אַלֶע דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶנִישְׁן, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; וֶועסְטוּ אַלֵיין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן אַז נִישְׁט - וְוייל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן.

דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶה אַ סוֹד וְוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מַצָבִים, דִי סוֹד פוּן "בַּצָּר, הִרְחַבְתָּ לִּי". דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה): "אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי ה'", אוֹיבּ מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט; "יִרְאֶה, שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵצֵר לוֹ", אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, "גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", זָאל עֶר גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶען אַז אִין דִי צָרָה מַאכְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ה)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מְ'דַארְף צָאלְן דִי דִירָה, רֶענְט, דִי בַּאנְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מְאוֹר עֵינַיִם, דֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אָן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, זַיין פֶּעטֶער הָאט אִים גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֶעבְּן פָּאר זַיינֶע קִינְדֶער גוּטֶע נַאשׁ הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן. אִיז דֶער קְלֵיינֶער קִינְד נָחוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל גֶעעֶפְנְט דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "טַאטֶע אִין הִימְל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַאטֶע, דוּ בִּיסְט מַיין טַאטֶע, גֶעבּ מִיר נַאשׁ, גֶעבּ מִיר גוּטֶע זַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן", אוּן נָאכְן פַארְמַאכְן דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאט עֶר גֶעזֶען אַ מַטְבֵּעַ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן גוּטֶע זַאכְן. וֶוען דֶער פֶּעטֶער, דֶער שְׁטִיף טַאטֶע הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר קוּמְט אַלְץ מִיט נַאשׁ אוּן עֶר זָאגְט עֶר הָאט דָאס גֶעקוֹיפְט - הָאט עֶר אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז עֶר גַנְבְ'עֶט גֶעלְט, הָאט דֶער קְלֵיינֶער נָחוּם גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דִי גֶעלְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן", דֶער פֶּעטֶער קוּקְט אִים אָן 'וִוי, וָואס, וֶוען?' דֶער קְלֵיינֶער נָחוּם זָאגְט אִים: "אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר", דֶער פֶּעטֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט: "וָואס, עֶס פַאלְט אַרָאפּ פוּן הִימְל גֶעלְט?" "יָא" - זָאגְט נָחוּם, דֶער פֶּעטֶער זָאגְט: "אִיךְ ווִיל זֶען, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אַ זֵייגֶער פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל זֶען וִוי דוּ גֵייסְט בַּאקוּמֶען אַ זֵייגֶער".

דֶער קְלֵיינֶער נָחוּם מִיט זַיין גַאנְצֶע תְּמִימוּת גֵייט אִין שׁוּל, עֶר עֶפְנְט דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן וֵויינְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַאטֶע, אִיךְ דַארְף אוֹיךְ אַ זֵייגֶער", אוּן וואוּנְדֶער פַּאסִירְט, עֶס פַאלְט אַרָאפּ אַ זֵייגֶער, דֶער פֶּעטֶער הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶעם קְלֵיינֶעם נָחוּם.

דִי חִידּוּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן אִיז, אַז דִי מַעֲשֶׂה עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט בַּיים הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דִי מַעֲשֶׂה גֵייט וַוייטֶער בֵּיי אוּנְז, מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ טוּן; גֵיין אִין אַ ווִינְקְל אוּן בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר גֶעלְט, אִיךְ דַארְף שְׁפַּייזְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף צָאלְן פַאר דִי דִירָה, פַאר רֶענְט, פַאר דִי בַּאנְק, הֶעלְף מִיר".**

**טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דַארְפְסְט נִישְׁט זוּכְן קֵיין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ צוּ עֶפֶענֶען, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה פַאר אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן שְׁלֶעכְט, אִיךְ בֶּעט דִיר גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ה)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַאַרְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַארֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חֲזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חֲזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חֲזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַארְ'ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ'ן מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ'ן צְוֶועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַארְקֶערְט ח"ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֶרֶךְ צַדִּיק)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**יט. אָסוּר לְהַטְרִיחַ אֶת הַשֵּׁם לְשַׁנּוֹת אֶת הַטֶּבַע. מֶען טָאר נִישְׁט מַטְרִיחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טוּישְׁן דִי טֶבַע.**

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין סְתִירָה דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה, סִימָן יט): "אָסוּר לְהַטְרִיחַ אֶת הַשֵּׁם לְשַׁנּוֹת אֶת הַטֶּבַע", מֶען טָאר נִישְׁט מַטְרִיחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל טוּישְׁן דִי טֶבַע, מִיט דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סֵיי קְלֵיינִיקֵייטְן אוּן סֵיי גְרוֹיסֶע זַאכְן, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיים אֲמוֹרָא רַבִּי יוֹסִי דְּמִן יוֹקֶרֶת, עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין זַיין פֶעלְד, דִי אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן גֶעוַוארְט אוּנְטֶער אַ פַייגְן בּוֹים אַז זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת רַבִּי יוֹסִי זָאל זֵיי בְּרֶענְגֶען עֶסְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ זַיין זוּן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "בְּרֶענְג אוּנְז עֶסְן, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג", רוּפְט זִיךְ אָן רַבִּי יוֹסִי'ס זוּן: "תְּאֵנָה, תְּאֵנָה", פַייגְנְבּוֹים, פַייגְנְבּוֹים, "הוֹצִיאִי פֵּרוֹתַיִךְ", גֶעבּ אַרוֹיס דַיינֶע פַייגְן, "וְיֹאכְלוּ פּוֹעֲלֵי אַבָּא", מַיין טַאטְנְ'ס אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן; דֶער קִינְד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן דִי טֶבַע אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט עֶר, "אַפִּיקוּ וְאָכְלוּ", עֶס אִיז גֶעשֶׁען דִי נֵס, דִי בּוֹים הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ פְרִישֶׁע פַייגְן, דִי אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זַאט גֶעוָוארְן, גְלַייךְ נָאכְדֶעם אִיז רַבִּי יוֹסִי גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אִים מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן קוּמֶען שְׁפֶּעט, "דְּהַאי דְּנַגַהְנָא אַמִּצְוָה טָרַחְנָא", דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי פַארְזוֹימְט, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט אַ מִצְוָה אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְשְׁלֶעפְּט בִּיז יֶעצְט; זָאגְן אִים דִי אַרְבֶּעטֶערְס: "רַחֲמָנָא לִישְׂבְּעָךְ כִּי הֵיכִי דְּאַשְׂבְּעַן בְּרָךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר זֶעטִיגְן אַזוֹי וִוי דַיין זוּן הָאט אוּנְז גֶעזֶעטִיגְט, הָאט זִיךְ רַבִּי יוֹסִי גֶעוואוּנְדֶערְט 'פוּן וואוּ הָאט עֶר גֶעהַאט עֶסְן פַאר אַייךְ אַלֶע?' הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן, מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי בֶּעטְן: "אַתָּה הִטְרַחְתָּ אֶת קוֹנְךָ לְהוֹצִיא תְּאֵנָה פֵּירוֹתֶיהָ שֶׁלֹּא בִּזְמַנָּהּ", דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי פַייגְן פַאר דִי צַייט? מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי בֶּעטְן! עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף דִי מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן צוּ עֶסְן", נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף אַ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע'דִיגֶע וֶועג.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט תְּפִלָּה, זַיין לֶעבְּן אִיז תְּפִלָּה; אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים מב, ט): **"תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי"**.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תָּבֹא תשפ"א)

מוטשעט זיי אין לעבן, אבער די צווייטע האלב, ווי נאכ'ן ארומלויפן הונדערטער שעות צו אזויפיל טעראפיסטן, נאכ'ן אויסגעבן אזויפיל געלט אויף דעם, און נאך די אלע מעשיות האלט מען נאך ביים אלטן, דאס איז א זאך וואס ציפט ביים הארצן פאר אזויפיל צעבראכענע אידן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט אויף דעם:

"לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מיש נישט אויס די יוצרות; דאקטורים איז איין זאך און טערעפי איז א צווייטע זאך. אז מען שפירט זיך נישט גוט פיזיש אדער גייסטיש דארף מען גיין צום דאקטער און נעמען רפואות; אנדערש איז טערעפי, דאס איז ארויסגעווארפן צייט, אזוי ווי דו זאגסט אליין אין דיין בריוו אז דו האסט שוין פרובירט טערעפי און עס העלפט נישט, עס האלט ביים אלטן.

אנשטאט זיצן מיט א בשר ודם וואס קען זיך אליינס נישט העלפן און זיכער אז ער קען דיר נישט העלפן - נעם ענדערש די עצה פון רבי'ן, די עצה פון התבודדות; דערצייל פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס דו ווילסט דערציילן פאר'ן טערעפיסט, דערצייל פאר'ן אייבערשטן אלע דיינע שוועריקייטן, אלעס וואס איז אריבער אויף דיר; אזוי זאלסטו טון - נישט איינמאל און נישט צוויי מאל, נאר יעדן טאג זאלסטו מיט אים שמועסן ביז ער וועט רחמנות האבן אויף דיר און דו וועסט ארויסקריכן פון אלע פראבלעמען.

שטעל זיך פאר דו וואלסט גענומען די צייט פון זיצן מיט טערעפיסטן און אין די צייט וואלסטו גערעדט צום אייבערשטן, וואלסטו שוין פון לאנג אויסגעהיילט געווארן. דו וואלסט געהאט וואס מיט צונעמען אויף יענע וועלט; ווייל נאר דאס נעמט מען מיט אויף יענע וועלט, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק טו) "לפי שכל המרבה שיחות ותפילות, הם המלוים אותו עד שיגיע לבית עולמו", ווען א מענטש רעדט אסאך צום אייבערשטן און ער שמועסט אסאך צום אייבערשטן, דאס באגלייט אים צו זיין אייביגע רו.

פאלג דעם רבי'ן, גיי אין א שטילע פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און שמועס זיך אויס דיין צעבראכן הארץ צום אייבערשטן. אין אנהייב וועט עס דיר זיין שווער, ווייל דער סמ"ך מ"ם ציטערט זייער פון התבודדות ותפילה, ער וועט דיר מאכן שפירן ווי קיינער הערט דיר נישט אויס. דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה י' - מבערגיר ועני) אז דער רוצח האט געזאגט פאר'ן בת קיסר: "אויב דו געבסט איין שריי, וועל איך דיר דערווערגן און הרג'ענען"; דער רוצח - דאס איז דער סמ"ך מ"ם, ער האט מורא פון דאס געשריי וואס א מענטש שרייט צום אייבערשטן, ווייל מיט איין שריי וואס מען שרייט צום אייבערשטן ווערט ער אויס, מיט דעם ווערט מען געראטעוועט פון אלעם שלעכטס."

דאס קאסט נישט קיין געלט צו פרובירן, יעדער קען דאס אליין טון ביי זיך אינדערהיים, נעמען אפאר מינוט א טאג און זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן, אים דערציילן אלע פראבלעמען, אים זאגן אלעס וואס ליגט אויפ'ן הארץ, און די רעזולטאטן זענען ממש אומגלויבליך.

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

אִינֶעם סֵפֶר "יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת" זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן.

אֵיינְמָאל זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט צוּ רֶבִּי נָתָן, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעזוּכְט רֶבִּי יוּדְל, דֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז גֶעוֶוען בֵּיי רֶבִּי נָתָן, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִיז רֶבִּי יוּדְל שוֹין נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם.

רֶבִּי נָתָן הָאט זֵיי אַבִּיסְל מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט דָאךְ וִוי מֶענְטְשְׁן פָּארְן אוֹיף וַוייטֶע וֶועגְן פַאר גַשְׁמִיוּת, צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט, אוּן לְמַעֲשֶׂה לָאזְט זִיךְ עֶס אוֹיס צוּמָאל מִיט גָארְנִישְׁט, זֵיי גֵייעֶן אַהֵיים מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער בְּרוּחְנִיוּת אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ פָּארְן זוּכְן חִיזוּק אוֹיף עֲבוֹדַת ה', דָאס אַלֵיין אַז מֶען אִיז גֶעפָארְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אִיז שוֹין גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דִי פֶּלֶא פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז רֶבִּי נָתָן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פוּל מִיט דִיבּוּרִים אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶערֶעדְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אִיז נָאר אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט אוּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן? עֶר הָאט זֵיי נָאר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן רֶבִּי יוּדְל.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ, וִוִיבַּאלְד זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִים צוּ הֶערְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֵייגֶענֶע הִתְעוֹרְרוּת צוּ וֶועלְן מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי נָתָן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, וַוייל מֶען דַארְף בְּעִיקָר רֶעדְן נָאר צוּ דֶעם וָואס וִוילְן הֶערְן, וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּצַוֶּה דַף קפ"ו:) "זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין", ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"ש, חֵלֶק א', סִימָן ל"ד)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# קִינְדֶער דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי הוֹיז?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַז מֶען זָאל מִיר פַארְשְׁטֵיין רִיכְטִיג, אִיךְ וֶועל אָבֶּער פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען.

מַיינֶע צְוֵויי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַלֵיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זֵייעֶר בֶּעט, זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף דִי קַאוּנְטֶער אוּן פַּאקְן אוֹיס אַלֶעס וָואס זֵיי זֶעעֶן, רַייז, בּוּנְדְלֶעךְ, נַאשׁ, אַרְבֶּעט כֵּלִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. זֵיי שְׁפְּרִיצְן זִיךְ אָן מִיט אַלֶע סָארְט זַאכְן וָואס אִיז גֶעמַאכְט צוּ רֵיינִיגְן, עֶס קֶען מַמָשׁ זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אוּן אִיךְ בִּין אוֹבֵד עֵצוֹת וָואס צוּ טוּן.

עֶס אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן נָאר אֵיין עֵצָה, זֵיי אַיינְצוּשְׁפַּארְן בַּיינַאכְט אֵיידֶער אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן אוּן זֵיי צוּרִיק אוֹיפְשְׁפַּארְן אוּן אַרוֹיסְלָאזְן אִינְדֶערְפְרִי. אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעטוּן דֶעם זוּנְטָאג.

אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר פַארְשְׁטֵיין אוּמְרִיכְטִיג, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַאמֶע אוּן אִיךְ שְׁפַּאר נִישְׁט אַיין קִינְדֶער קֵיינְמָאל, אָבֶּער דָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גֶעפִיל אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט רִיכְטִיג, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן צוּ דִי שֶׁענְקְלֶעךְ, אוֹיךְ קֶען מֶען לֵייגְן צוּמַאכֶערְס אוֹיף דִי שֶׁענְקְלֶעךְ וָואס הֶעלְפְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְפַּאקְן וְכוּ'.

חִינוּךְ אִיז נִישְׁט גְרִינְג, עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס, מֶען זֶעט שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן וָואס יָא צוּ טוּן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ טוּן, אוּן זַיין שְׁטַארְק וָואס מֶען זָאגְט - בִּיז מֶען פּוֹעֶלְ'ט.

שְׁפַּארְט נִישְׁט אַיין דִי קִינְדֶער, לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער מֶען זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט שְׁפִּילְצֵייג - בִּיז טַאטֶע מַאמֶע שְׁטֵייעֶן אוֹיף, אַוַדַאי וֶועט דָאס נִישְׁט גֵיין מִיט אֵיין מָאל זָאגְן, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען דֶערְלֶערְנְט זֵיי, אוֹיךְ מֶעג מֶען אַמָאל עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט אַוֶועק נֶעמֶען אַלְס אַ קְנַס זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן, אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וְכוּ'.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְן כֹּחַ אוּן מֹחַ אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ אוּמְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען וַוייטֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשפ"ה)

BreslevCenter.com\answers

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קפב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִייעֶר: עֶס בְּרֶעכְט אוֹיס אַ פֵייעֶר יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט, אוּן דֶער עוֹלָם צֶעשְׁפְּרֵייט זִיךְ אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען בִּיז דִי פֵייעֶר וֶוערְט פַארְלָאשְׁן.**

**תרכד**

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יֶענֶעם יוֹם כִּיפּוּר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וָואס אוֹיב וָואלְט מֶען עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן וָואלְט עֶס פַארְנוּמֶען אַסַאךְ בּוֹיגְנְס, "אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ סֵדֶר פוּן אַלֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער צוּלִיבּ דִי שְׂרֵיפָה אִיז עֶס גֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן".

**תרכה**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעם יוֹם כִּיפּוּר, וֶוען עֶר הָאט פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ זָאגְן, פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אוֹיבְן, אוּן דִי יִסוּרִים אוּן קְרֶענְק וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן אוּן לַיידְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אוֹיסְגֶעפִירְט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין חֲרָטָה אוֹיף דֶעם, טְרָאץ דִי פִילֶע יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן צוּלִיבּ דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער זוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי"ע אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט אַז דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין כִּיבּוּד אָב, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ; אוּן דִי זֶעלְבֶּע הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, כָאטְשׁ וָואס עֶר וֵוייסְט אַז דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס עֶר לַיידְט אִיז וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַרֵיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם צוּ פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי אָבֶּער עֶר טוּט עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם, הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין חֲרָטָה אוֹיף דֶעם.

**תרכו**

צוּמָארְגְנְס פוּן יוֹם כִּיפּוּר אִיז רֶבִּי נָתָן אַהֵיימְגֶעפָארְן קֵיין נֶעמִירוֹב, אוּן נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג אִיז עֶר גֶעפָארְן קֵיין מָאהְלוּב, וַוייל זַיין וַוייבּ אִיז גֶעפָארְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֵיין מָאהְלוּב צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **דוד יודא איידליס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון**
החתן **מרדכי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **מרדכי שאול יעקב אינדיג** הי"ו קרית ברסלב
**מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי**

***

מו"ה **יוסף סאמעט** הי"ו בית שמש
**צו די שמחת החתונה פון זיין למזל טוב**
החתן מו"ה **יעקב סאמעט** הי"ו

***

מו"ה **יעקב גוטמאן** הי"ו מודיעין עילית
**מלמד מומחה בת"ת היכל הקודש ברסלב ירושלים עיה"ק**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יהודה מינצבערג** הי"ו בית שמש
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳**

# אויפדעקונג אינעם "טעראפי" גליון, פאראורזאכט שטורעם

אין די לעצטע צייט, זייט עס האט אנגעהויבן ערשיינען דער גליון מיט'ן נאמען "טעראפי", מיט'ן ציל ארויסצוהעלפן אידן וואס דארף צוקומען דערצו, מיט די עצות און לימודים פונעם הייליגן רבי'ן, איז דאס בלעטל געווארן גאר שטארק אויפגעכאפט, פילע גריסן הערט מען צוריק פון אידישע קינדער וואס זענען ממש אויפגעראכטן געווארן פון די גרינגע און געשמאקע עצות וואס העלפן אויפבויען די גייסטישע געזונט.

איינער וואס איז ברוך ה׳ געזונט, וועט קיינמאל נישט פארשטיין דעם וואס מוטשעט זיך מיט מענטל העלטה, א זאך וואס שטערט דעם מענטש אויף טריט און שריט און לאזט אים נישט אנגיין אין לעבן, און מען לויפט ארום צו פארשידענע סארט טעראפיסטן, אבער עס קענען נעמען, וואכן און חדשים, יארן און לאנגע יארן, ביז מען זעט צום סוף אז מען האלט נאך ביים אנהויב, זאכן רוקן זיך נישט אויף למעשה.

נאר די תורה וועג קען העלפן דעם מענטש, די אלע חכמות פון די אומות העולם קענען זיך אפשר הערן זייער גוט אויף די מינוט, און דאס אליין אז מען האט זיך ארויסגערעדט די פראבלעמען פון הארץ, מאכט שוין גרינגער אויף די געוויסן, אבער אז עס זאל זיך למעשה רוקן זאכן אין לעבן וועט עס קומט אונטער א נסיון, ווען מען גייט דורך א שווערע צייט, דעמאלט העלפט נישט די אלע זאכן.

אינעם אינהאלטספולן "טעראפי" גליון, נומער 10, איז אראפגעברענגט געווארן א שאלה און תשובה איבער דעם ענין, איינער האט אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה שליט"א ווי פאלגנד:

"לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין אריבער זייער א שווערע צייט אלס קינד, מיר האבן נישט געהאט קיין נארמאלע שטוב, איך האב זיך געוואלגערט דא און דארט, געווארפן פון איין פלאץ צום צווייטן, ביז ביי די 17 יאר האט מיר א משפחה אריינגענומען, און ביי די 20 האב איך זוכה געווען חתונה צו האבן ב"ה.

יעצט האלט איך שוין 20 יאר נאך די חתונה, אבער איך בין נאך אלץ קראנק פון אלס קינד, איך בין פול מיט פחדים, דעפרעסיע, אומזיכערקייט, און איך קען זיך נישט אן עצה געבן אין לעבן אין יעדן הינזיכט. איך האב ב"ה א גוטע ווייב מיט ליכטיגע קינדער, און א נארמאלע פרנסה, אבער מיין גייסט איז ממש צעשניטן און צעבראכן, אזוי ווייט אז איך קען זיך פשוט נישט גיין איינקויפן זאכן וואס איך דארף האבן, א הוט, שיך, וכדומה, ווייל איך קען נישט מאכן קיין שום באשלוסן אין לעבן, איך האב נישט קיין טראפ זעלבס זיכערקייט.

איך בין שוין געווען ביי צענדליגע טערעפיסטן און דאקטורים, שוין גערעדט הונדערטער שעות צו די טערעפיסטן און שוין גענומען אסאך סארט מעדעצינען. איך בין זיכער אז דאס אלעס האט מיר עפעס געהאלפן, אבער דערווייל האלט עס נאכאלץ ביים אלטן.

איך ווייס אז איר האלט נישט פון קיין טערעפיסטן, אבער למעשה שטייט דאך אז דער אייבערשטער האט געגעבן רשות פאר א דאקטער אויסצוהיילן, און דערפאר בין איך זייער צעמישט, זאל איך נישט גיין צו זיי, בין איך דאך אויף גרויסע צרות, זאל איך יא גיין, זע איך דאך אבער אז איך ווער נישט געהאלפן.

איך דארף א גרויסע ישועה אין לעבן, און איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען העלפן. יישר כח"

די שאלה אינעם גליון האט אויפגעשטורעמט דאס יהדות החרדית, פילע אידן האבן זיך געטראפן אינעם בריוו, נישט דוקא מיט'ן אנהויב, ווי אזוי מען איז אנגעקומען אז מען דארף צוקומען צו טעראפיסטן, יעדער האט זיך זיינע אייגענע איבערגייעכצער וואס

<<<<<<

## חתן שיעור

**הדרכות פאר א חתן ווי אזוי אויף צו שטעלן א אידישע שטוב, און ווי אזוי עס צו האלטן שטארק פאר אייביג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 1, 13**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >